Ra er Leben № 48 (283) „Nal. poczt. uiszczono ryczałtem הײַנט 8 זייטן ! VI-טער יאָהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom Piątek 13 Grudnia 1929

ראַדאָם, פרייטאג י״א כסלו תר״ץ

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען פרייזן!

איין מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער, שוואָגער און פעטער
מ א י ר ו ו י י ס ב אָ ר ד
מיט פרל׳ ס א ל ע ק ל י י ן
ווינשען מיר מזל, ברכה
און אייביגע צופרידענהייט.
ה ע ר ש י ל ו ו י י ס ב אָ ר ד
עם פרוי און קינד.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
מ א י ר ו ו י י ס ב אָ ר ד
מיט פרל. ס א ל ע ק ל י י ן
ווינשען מיר זיי פיעל גליק
און אייביגע צופרידענהייט.
נ ט ע ו ו י י ס ב אָ ר ד
עם פרוי און קינדער.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ברידער, שוואָגער און פעטער
מ א י ר ו ו י י ס ב אָ ר ד מיט פרל. ס א ל אַ ק ל י י ן
ווינשען מיר זייער צוזאמענבונד זאָל בעגלייט ווערען
מיט גליק און צופרידענהייט.
א ב ר ה ם ו ו י י ס ב אָ ר ד עם פרוי און קינדער.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער פאַמיליע ח י י ט
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער מ אַ ן און פ אָ ט ע ר
ישראל אלימלך נ״ע
אינקאַסענט פון אונזער געזעלשאַפט.
המקום ינחם אותם!
געזעלשאַפט
„ג מ י ל ת - ח ס ד"
ביי דער יודישער קהלה
— אין ראַדאָם. —

## 1911 — 1929
### 18-יעהריגע עקזיסטענץ פון יודישן האַנדוו.-קלוב
אין ראַדאָם.

## זונטאָג דעם 29-טען דעצעמבער
דעם 3-טען טאָג חנוכה, אין איינעם פון די גרעסערע סאַלעס
ווערט פאַרקומען דער
פייערליכער אַקט פון
## פאַהן-ענטהילונג
פון יודישען האַנדווערקער-קלוב לויט פאָלגענדען פראָגראַם:

**שעה 2—3 נ״מ**

זאמעלפונקט אין לאָקאַל פון האנדווערקער-קלוב וואַעל 59, פון דאָרט אַבמאַרש מיט מוזיק אין געשלאָסענע רייהען צו דער אַקאַדעמיע.

**שעה 3—7 אָווענד** פייערליכע אַקאַדעמיע:

1) ערעפענונג, 2) הימנען, געזאַנג און מוזיק, 3) פאַהן-ענטהילונג, 4) הזכרה נאָך די פערשטאָרבענע גרינדער און מיטגלידער פון האנדווערקער-קלוב בכלל, 5) בעגריסונגען פון דעלעגאַציעס, 6) רעפעראַט פון דעפּוטאַט ח׳ ראַסנער, 7) איבערבליק פון די קלוב-גרינדער, 8) מוזיק און שלוס.

**שעה 10 אָווענד**

א גרויסער חבר׳שער באַנקעט.

**בעמערקונג:** איינגאַנג לויט ספּעציעלע איינטריטס-קאַרטען.

די אָרגאַניזיר-קאָמיסיע.

Kino-Teatr
„NOWE CZARY"

## פון מאָנטאג דעם 16 ד. מ.
וועלען אַלע ראַדאָמער יודען בעוואונדערען די גרעסטע
פ י ל ם - ס ע נ ס אַ צ י ע

## די לעצטע בלוטיגע
# געשעהענישן
אין
# ארץ-ישראל
(גרויסער פילם אין 12 אַקטען)

העלדישע פערטיידיגונג פון די חלוצים.

די געפאַלענע אויף קידוש השם אין חברון, צפת, ירושלים.

דער קאַמף פון דער יודישער זעלבסט-שוץ ביי תל-אביב.

בלוטיגע רציחות פון אַראַבער איבער יודישע זקנים און שוצלאָזע פרויען.

די דעמאָנסטראַציעס ביים כותל-מערבי.

הרב קוק מוטיגט דעם יודישען ישוב.

דאָס ענגלישע מיליטער אין קאַמף מיט די אָנפאַלער

אין פיעל אַנדערע אויפנאַהמען פון לעבען אין ארץ-ישראל און איבער גאַנץ מצרים — האָט מיט גרויס מסירת-נפש אויפגעהאַפּט א דרייסטער אָפּעראַטאָר און דאָס אַלץ קאָנסטו בעוואונדערען אויפ׳ן פילם אין ק י נ אָ
## „נאָווע טשארי".
ספּעציעלער כאָר און פערגרעסערטער אָרקעסטער.

לייטונג פון רעפ. גרינבוים.

3) דער צוזאמענפאהר שיקט זיינע הייסעסטע וואונשען דעם רעפ. יצחק גרינבוים צו זיין 50 יעהריגען יובילעאום און זאגט צו צו קעמפפען מיט מסירת נפש פאר זיינע אידעאלען.

4) די קאנפערענץ וואונשט זיך צו זעהן אין דער נאהענטסטער צייט דעם רעפ. גרינבוים, אלס רעפרעזענטאנט פון דער אידישער פאליטיק און ביז זיין פערלאזען פוילען אלס פרעזידענט פון דער אלגעמיין-ציוניסטישער ארג. אין פוילען. גלויבענדיג, אז נאר רעפ. גרינבוים איז בכח צוריקצוגעבען דעם פוילישען ציוניזם דעם אמאליגען גלאנץ.

5) די דעלעגאטען פערפליכטען זיך צו שאפען פעראייניגטע יובל-קאמיטעטען לכבוד דעם רעפ. גרינבוים אין גלייך צו צוטרעטען צו דער פראקלאמירטער זאמלונג פון א פאלקס מתנה פאר רעפ. גרינבוים אין א"י. זעהענדיג אין רעפ. גרינבוים דעם גרויסען פאלקס-פערטרעטער איז געוואונשען, אז די זאמלונג אויפ'ן א. ד. ציעל זאל אומעטום טראגען א מאסן כאראקטער און נישט קיין גבירים-יחידישען, ד. ה. אז ס'דארף געזאמעלט ווערען דער עיקר ביי דער יוגענד און ביי דער פאלקס-מאסען, מעג זיין וואס קלענערע בעשטייערונגען.

נאכ'ן אננעמען די רעזאלוציעס ווערט אויפ'ן פארשלאג פון ה' סאלבע געוועהלט א קרייז וואהל-קאמיטעט פאר די שטעדט פון די 7 פאוויאטען פון דער אמאהליגער ראדאמער גיבערניע אין וועלכען ס'געהען אריין צו 1 פארשטעהער פון יעדען שטעדטיל און א עגזעקוטיווע אין פאלגענדען צוזאמענשטעל:

סאלבע. דגני, שטאטוויינער—ראדאם; גראספעלד—אילושא; ווייצמאן—שידלאָוויעץ; ראטשטיין—אפאטוב; קוראפאטוויא—גניעוואטשוב; פיש—סקארזיסק; אלס קרעטאר ווערט געוועהלט ח' שטאטוויינער.

די ח"ח: פראפ. מושקאטבליט, סאלבע און גראטפעלד האלטען דאן ווארימע שלום-רעדעס און מיט א הילכיגער התקוה ווערט די קאנפערענץ געשלאסען.

## איבטערעסאנטער רבנים-פראצעס אין ראדאמער קרייז-געריכט.

שוין א לענגערע צייט ווי אין שטעטעל סקארזשיסק, נעבען ראדאם, שפילט זיך אפ א שטארקער קאמפף געגען דעם דארטיגען רב. א איירעם פון סקארזשיסקער אנגעזעהענעם בעל-הבית און פאבריקאנט, ר' מענדיל פעלדמאן.

דער אויבענדערמאנטער רב האט בעת די וואהלען בעקומען א מעהרהייט שטימען. אבער די געגנער שטעלען זיך נישט אב און זיי מאכען אלע בעמיהונגען די וואהלען זאלען געפסל'ט ווערען. דער קאמפף געהט אזוי ווייט, אז לעצטענס האט דער צד שכנגד דערלאנגט צו דער ראדאמער פראקוראטור א קלאגע געגען רב מיט זיין שווער ר' מענדיל פעלדמאן פאר געבען „לאפויזקעס" א טייל פון די האנדווערקער-פארשטעהער צו אגיטירען זייערע מיטגליעדער צו שטימען פאר'ן רב.

די ראדאמער פראקוראטור האט דעם ענין איבערגעשיקט אין היגען קרייז-געריכט, וועלכער האט די טעג בעטראכט דעם פראצעס.

אויף דער בעשולדיגונג'ס-באנק איז, אלזא, געזעסען דער מרא דאתרא פון שטעדטעל סקארזשיסק. א גרויסער למדן. דעם קאצקער רבינ'ס א אייניקעל מיט זיין שווער דעם דאזיגען ר' מענדיל פעלדמאן,

די וואס בעקעמפפען דעם רב און פערפירט דעם דערמאנטען פראצעס האבען ארויסגערוקט א גרעסערע צאהל עדות און נעשטעלט אונטערצוהאלטען די בעשולדיגונג דעם היגען בעקאנטען אדוואקאט ביעלסקי.

אלס פערטיידיגער פון רב און זיין שווער איז ארויסגעטרעטען דער היגער בעריהמטער אדוואקאט ד"ר מאיער, וועלכער האט אויפגעוויזען די גרונדלאזיגקייט פון דער בעשולדיגונג און פולשטענדיג צושלאגען די ארגומענטען פון די עדות מצד דער בעשולדיגונג.

נאך א לענגערע בעראטונג האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א בעפרייאונגס-אורטייל פאר'ן רב מיט זיין שווער.

ווי מיר הערען, זאל דער אורטייל דיענען אלס יורידישער שטיץ-פונקט, אז די וואהלען פון דערמאנטען רב זאלען ענדליך ענדגילטיג בעשטעטיגט ווערען.

## אלגעמיינע פערזאמלונג אין סוחרים-פעראיין.

דעם 25 ד. ח. קומט פאר אין סוחרים-פעראיין א אלגעמיין יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגלידער. די פערזאמלונג וועט וועהלען 4 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג, 4 מיטגלידער אין אויפזיכט'ס-ראט, 4 מיטגלידער צו דער קאמיסיע פון שיעדס-געריכט, דריי מיטגלידער אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע. עס וועלען אייך בעטראכט ווערען א דייהע פרייע פארשלאגען.

* * *

דער סוחרים-פעראיין אין ראדאם מאכט בעקאנט, דאס יעדער טאג פון 2—10 און פון 9—5 ווערט אויסגעקויפט פאטענטען ביז 31-טען גרידויען ה. י.

## רעפעראט פון פראפ. מושקאטבליט.

פרייטאג צו נאכט'ס פ' ויצא (דעם 12|13) וועט פראפ. פ. מושקאטבליט האלטען דעם המשך פון זיין רעפעראט: „משה מענדעלזאן אלס רעפארמאטאר". פינקטליך 8 א זייגער.

## דער חתן צע'הרג'עט זיין מחותן פאר וועלען פערגוואלדיגען זיין כלה — די אייגענע טאכטער.

מיט א קורצער צייט צוריק האבען מיר מיטגעטיילט אין אונזער צייטונג וועגען א פיינליכען קאמפף צווישען טאטע און טאכטער אויפ'ן סעקסועלער ראטישען באדען. צוליב די דעמאראליזירענדע געפיהלען פון דעם פאטער בעסטיע איז אפט ענטשטאנען גוואלדיגע סקאנדאלען בעת וועלכע די טאכטער האט פערצווייפעלט געקעמפפט מיט איהר אייגענעם טאטען נישט צו ווערען דורך איהם פערגוואלדיגט.

דער ענין איז זיינער צייט בעטראכט געווארען ביים היגען רב קעסטענבערג, וועלכער, בעקענענדיג זיך מיט די פערברעכערישע אינסטינקטען פון פאטער, וועמענס שולד ס איז בעוויזען געווארען דורך דעם פאקט וואס די טאכטער האט בעת פערטיידיגען זיך אנגעביסען איהם א שטיק פינגער—האט פערארדענט, אז די טאכטער מוז אונבעדינגט פערלאזען איהר טאטענס הויז און זיך איינארדנען ביי א פאמיליע.

נאכ'ן אבזיין א געוויסע צייט ביי א קרוב האט דער פאטער, פערזיכערענדיג, אז מעהר וועט אזעלכעס זיך נישט איבער'חזר'ען, גע'פועל'ט ביי דער טאכטער אומצוקעהרען זיך צוריק אהיים.

דער חיה'שער אינסטינקט האט ביי דעם פאטער ווידער ערוואכט און פאריגע וואך האט ער זיך ווידער צמאהל געווארפען אויף זיין טאכטער, וועלענדיג איהר פערגוואלדיגען. בשעת דעם פיינליכען אינצידענט איז געראד אנגעקומען דעם מיידעל'ס חתן און נעמענדיג אונטער'ן שוץ זיין כלה מכבד געווען דעם מחותן מיט עטליכע פעסטע

KINO „ODEON" w RADOMIU.

Od Poniedziałku 16 grudnia b. r.

2 doskonałe programy 2

Jego NIEWOLNICA

film uznany przez M. Spr. Wewn. za artystyczny.

Obraz jakich mało. Film o nieprzeciętnej treści i mistrzowskim wykonaniu. Dramat silnych namiętności rozgrywający się w NEW JORKU i na odludnych wyspach Hawajskich.

W rolach głównych — ulubieńcy

ZŁOTOWŁOSA Dorota Mackail

I PRZEMIŁY Milton Sils.

Królowie niefrasobliwego humoru,

dawno niewidziani — ulubieńcy

PAT i PATACHON

budzić będą huragany śmiechu, jako

PASAŻEROWIE NA GAPĘ

najlepszej i ostatniej ich komedji.

Świetna orkiestra pod dyrekcją J. SZYMKIEWICZA

קלעפ. אין עטליכע טעג אַרום איז דעם מיידעל׳ס פאָטער געשטאָרבען.

די טאָכטער צוזאַמען מיט׳ן חתן זענען גלייך אַרעסטירט געוואָרען אונטער׳ן חשד, אַז זיי האָבען ערמאָרדעט זייער פאָטער. אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט האָט דער היגער אויספאָרשונגס־ריכטער בעזוכט דעם רב קעסטענבערג און נאָכ׳ן ערפאַהרען זיך ביי איהם וועגען גאַנצען ענין פעראָרדענט די אַרעסטירטע צו בעפרייען.

## צעך - פערזאַמלונג ביים ראַדאָמער שניידער־מייסטער - פעראיין.

היינטיגען שבת א זייגער 5 נ. מ. קומט פאָר אין רויה־שטאָף קאָאָפּעראַטיוו „סורתיט״ אַ פערזאַמלונג פון גאַנצען שניידער־מייסטער־פעראיין. אויף דער פערזאַמלונג וועלען אָרומגערעדט ווער׳ן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראגען פון אַ שניידער - צעך ביים דערמאָנטען פעראיין.

## אַרץ־ישראל בילד אין קינאָ „נייער טשאַרי״.

פון קומענדען מאָנטאָג דעם 16־טען ה. ח. וועט אין היגען קינאָ „נייער טשאַרי״ דעמאָנסטרירט ווערען אַ אינטערעסאַנט בילד, וואָס ווייזט אונז די לעצטע בלוטיגע שלאַכטען צווישען די ווילדע אראבער מיט דעם יודישען ישוב. דאָס בילד איז געוואָרען גע־פילמט בשעת בלוט האָט אַ דורכגע־ווייקט די ערד פון א״י. צוליב דעם שאַפט עס אונז אַ גענויען בעגריף, ווי אַזוי אונזערע העלדישע חלוצים האָבען העראָיש פערטיידיגט אונזער לאַנד פּאַלעסטינא.

דאָס בילד געהט שוין מיט דעם גרעסטען ערפאָלג זייט עטליכע וואָכען אין די גרעסטע קינאָס פון וואַרשא, לאָדז. דאָס ברענגען דאָס בילד קיי׳ן ראַדאָם האָט צחישען דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע איז אַזוי צוגע־בונדען צו אונזער הייטאַט־לאַנד א״י חי אויך צוליב דעם וואָס הונדערטער ראַדאָמער זיהן און טעכטער געפונען זיך דאָרט — ארויסגערופען א אמת׳ע סענסאציע.

## אכטונג! אַכטונג!
## חברים דרוקער

היינטיגען שבת פּינקטליך 2 נ. מ. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל (אַר־בעטער־ווינקעל) אַ זעהר וויכטיגע פער־זאַמלונג אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן דעלע־גאַט פון דער וואַרשאַווער צענטראַלע, וועלכער איז געוועזען ביי אונז אין ראַדאָם דעם לעצטען מאָנטאָג. איף די דערמאָנטע פערזאַמלונג וועט אָבגעגעבען ווערען אַ בעריכט. עס שטעהען אויך אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג וויכטיגע פראגען.

אַלע דרוקער־מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען אין אייגענעם אינטע־רעס צו דער אַנגעוויזענער צייט.

די פערוואַלטונג.


Dr. J. TAUBENFELD
przeprowadził się
i przyjmuje od 4—6
w chorobach dzieci i wewnętrznych
Radom, Piłsudskiego 17, telef. 552.

Kino „CORSO“ Teatr.

Od Poniedziałku 16 grudnia b. r.
2 Wielkie premjery!
jako pierwsza jako pierwsza
Małżeństwo
w roli tytułowej Brygida Helm
Dancingi, kabaret, spelunki
Rzecz dzieje się w Wiedniu.

Jako druga Jako druga
KOCHANKA SZATANA...
(Tempo - Tempi)
w roli głównej Luciano Albertini.


## דאנקזאגונג.

מיר דריקען אויס אונזער בעסטען דאַנק דער בית־עולם־קאָמיסיע פון דער אידישער קהלה אין קעלץ, און בעזונדער אַ האַרציגען יישר־כח דעם הויפּט־גבאי פון דער חברה־קדישה, ה׳ מאיר אײַזענבערג, פאַר זייער בעמיהונג און פּינקטליכקייט ביים אָבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכען פאָטער

לייבוש דעמבסקי ז״ל

המקום ישלם שכרם! אין נאָמען פון דער פאַמיליע דעמבסקי

משה דעמבסקי אין קעלץ.


Potrzebna
PANNA
pisząca na maszynie
Oferty z podaniem kwalifikacji
do administracji R. L.

Koledze mojemu
Heńkowi Dudkiewiczowi
z intencji zaręczyn z p.
Bronią Staszewską
serdeczne życzenia składają
Mojżesz Fuchs
— Kielce. —

גאַנץ ראַדאָם רעדט היינט
אז אין געשעפט פון
יאַקוב האַריץ
ראַדאָם, לובלינער 21.
קען מען זיך צוליעב דעם ליקווידאַציאָנס - אויספערקויף
אויסקליידען עלעגאַנט — פאַר שפּאָט ביליג.
צוליב דעם איילט אייך צו בעזוכען האַריץ׳ס־געשעפט
ווייל מאָרגען קען זיין שפּעט!!!


## פון „החלוץ״.

דער אָרטיגער סניף פון „החלוץ״ ענטוויקעלט זיך מיט אַ שטאַרקען טעמ־פּאָ. היינט צוטאָג געפינען זיך אויף הכשרה־פּונקטען אין פערשיידענע טיי־לען אין פּוילען קרוב 20 חברים. אַ קלענערע גרופּע שטעהט שוין פאַר אָבצופאָהרען קיי׳ן ארץ - ישראל אין קורצען. דער „החלוץ״ טרעט צו לעצ־טענס ארורכצופיהרען אַ אקציע פאַר די דאָרטיגע חברים, מיר האָפען, אז די ראַדאָמער בעפעלקערונג וועט אונז שטיצען מיט אַ ברייטע האַנד.

• • •

אין קורצענס וועט געשאַפען אַ לי־גע פאַר׳ן אַרבייטענדען א״י.
עסקנים און סימפּאַטיקער זייט גרייט.








Zakład Ogrodniczy
Miejski
poleca po cenach przystępnych kwiaty doniczkowe i cięte. Zgłoszenia bezpośrednio do Zakładu przy ul. 1-go Maja, lub do Wydziału Gospodarczego ul. Basenowa № 20, telefon 502.



אנו מביעים את השתתפותינו בצערו הגדול של חברנו **מנחם חיט**
במות **אביו נ. ע.**
עליו
בעבודתו הציבורית ימצא נחומים.
ספריה „י. ל. פרץ"
על ידי „השומר-הצעיר"
— ברדום. —

---

אלס צייכען פון טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער חבר
**מנחם חיט** און פאמיליע
צום טויט פון זייער פריה-פערשטארבענעם
**פאטער נ"ע**
פלאנצען מיר א בוים אין ארץ-ישראל אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם.
אסתר, היה, רחל, חוה, טובה, דבורה.

---

אנו משתתפים בצער העמוק של אחותנו **בילה**
וחברנו **מנדיל חיט**
למות אביהם **ישראל אלימלך חיט נ"ע**
בעבודת למען תנועתנו השומרית ימצאו נחומים.
הסתדרות „השומר-הצעיר" ברדום
הנהגה המקומית
גדוד „בוני-הארץ".

---

בזה אנו מביעים את צערנו הגדול למשפחת **חיט**
וביחוד לחברנו **מנחם**
לרגלי האסון שקרה בהלקח מהם **אביהם** באביב ימיו
**ישראל אלימלך ז"ל**
בעבודתו על שדה תחית עמנו וארצנו ינוחם!
משה לויסנבורג, שמחה פוטאזשניק,
דוד מנרלמן.

---

דעם חבר **פיניע** און פאמיליע **חיט**
צוליעב דעם פלוצלינדיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען
מאן און פאטער **ישראל אלימלך נ"ע**
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
מילה, איזאק, בונם, ברוך, דוד, חיים,
יעקב, יחיאל, יעקב ז. יחזקאל, מיכאל,
ראובן, שמאי שלום, שמואל.

---

NASZYM KOLEGOM
Mendlowi, Arturowi i Salomonowi **HAJT**,
z powodu przedwczesnego zgonu ICH
**b. p. OJCA**
szczere wyrazy współczucia składają
*S. Handelsman i J. Blicher.*

---

Drogiemu Koledze MICHAŁOWI HAJTOWI
z powodu śmierci **OJCA Jego**
głębokie współczucie wyrażają
**Koleżanki i Koledzy**
oddz. V-go szkoł powszechn.
im. JOSELEWICZA — Spacerowa 4.

---

אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער ג. חבר **פנחס** ווי אויך דער **פאמיליע חייט**
צוליעב'ן פליצלינגען טויט פון זייער ליעבען
**מאן** און **פאטער**
**ישראל אלימלך ז"ל**
די פערוואלטונג, ספארט-קאמיסיע
און ספארט-מאנשאפט
פון דער יודישער טורן און ספארט-געזעלשאפט
„מכבי" אין ראדאם.

---

הננו משתתפים בצערו העמוק של אחינו **דוב חיט**
על מות **אביו**
הנחמה ימצא בעבודתו בעד תחית עמנו ובארצנו.
הסתדרות ברית טרומפלדור
ברדום.

---

בלב נשבר אנו מביעים את צערנו הגדול לאחינו **דוב חיט**
לרגלי האסון שקרהו במות עליו
**אביו**
דרגא א. של ברית טרומפלדור
ברדום.

---


קוואליפיצירטער **בוכהאלטער-בילאנסיסט**
וואס פיהרט בוכהאלטעריע לויט די לעצטע פאדערונגען פון אורזאנד-סקאר-באווי, שרייבט אויף מאשין און קארעספאנדענץ — זוכט א פאסטען, וועגעטוועלט אויף שטונדען, אויף מעסיגע בעדינגונגען.
ביטע זיך צו ווענדען מיט אפערטען אין ראדאמער סוחרים-פעראיין ליובל. 18 און אין דער רעד. „ראד.-קעלצער לעבען" אונטערן נאמען „בוכהאלטער".

---

Komunikujemy Sz. Publiczności m. Radomia, że
**Akuszerka patentowa** pow. Kasy chorych
**E. NUDEL** *przeprowadziła się na ul. Lub. Nr. 7*
Dla biednych ustępstwa.

---

# דאנקזאגונג.
דער פערוואלטונג פון ראדאמער סוחרים-פעראיין פאר'ן אבגעבען אונענטגעלדליך דעם לאקאל אויף דעם צוזאמענפאהר, דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען יישר כח. פאר דער עקזעקוטיווע פון קרייז-קאמיטעט פון די ראדיקאלע ציוניסטען אין ראדאמער קרייז:
(—) א. גראספעלד—אילזשא, (—) פרופ. האלצקנער—ראדאם,
(—) י. שטאטווינער— „

---

**Magistrat m. Radomia**
ogłasza niniejszym **Przetarg**
na dzierżawę tartaku miejskiego w Radomiu

Szczegółowych informacji udziela w godzinach urzędowych Wydział Budownictwa Magistratu m. Radomia (ul. Basenowa 16).

Termin składania ofert upływa w dniu 16 grudnia 1929 roku o godz. 15.

Oferty w zalakowanych kopertach składać należy do rąk Naczelnika Wydziału Budownictwa Magistratu m. Radomia w godzinach urzędowych.

Oferty złożone po upłynięciu wskazanego wyżej terminu, jak również oferty złożone w kopertach nieolakowanych, rozpatrywane nie będą.

Magistrat zastrzega sobie prawo swobodnego wyboru i oceny ofert, bez względu na cenę, jak również prawo przeprowadzenia z ofertami dodatkowych pertraktacji.

Radom, dnia 9,XII.29 r.

*Magistrat m. Radomia.*

